# פרשת האזינו

## בס"ד. שיחת וא"ו תשרי, ה'תשמ"ב.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אַזוֹי ווי ער איז געווען דער טאטע איז געווען פארשיקט בגלות, וואס דארט איז ניט געווען קיין טינט, איז די נאך וועלכע איך פראווע איצטער דער יארצייט, די מאמע, פלעגט גיין אין פעלד און אויסקלייבן דארטן עשבים, אַזוינע גראזן, וואס מ'האט איר מסביר געווען – אָדער זי האט אַליין געוואוּסט – אַז דערפון קען מען מאכן אַן ענין וואס דערנאך, אַז מ'וועט אים שרייבן אויף פאפיר וועט מען דאס קענען לייענען, וועט זיין "רשומו נכר",

און פלעגט צוזאמענקלייבן אָט די גראז, און ברענגען צוזאמען-מישן דערנאך מיט וואסער, צערייבן וכולהו, און דאס איז געווען די טינט וואס דערנאך האט דער טאטע געשריבן די חדושים.

אַזוי ווי ס'איז ניט געווען קיין פאפיר – האט ער דאס געשריבן אויף די גליונות פון די ספרים וואס איז ביי אים געווען, אָדער אויף די געציילטע שטיקלעך פאפיר וואס ער האט געקענט באקומען,

און דערנאך איז געווען דער המשך הדבר, אַז נאך דערויף ווען ער איז נסתלק געווארן, האט זי דאס מיט זיך מיטגענומען,

וואס דעמולט איז דאס געווען אויך אַן ענין פון סכנת נפשות:

זי איז דאך אויך געווען פארשיקט מיט אים צוזאמען, און בשעת מ'געפינט ביי איר כתבים, און מ'ווייס ניט וואס און ווען, איז לכל לראש, ווי ס'פירט זיך אין יענער מדינה – איז דאס פארקערט פון "חזקת כשרות"! אַז וואס דער מענטש איז – איז צום אַלעם ערשטן דארף מען אים אַריינזעצן אין בית האַסורים! און דערנאך, אַז ס'וועט זיין אַ זמן פנוי – וועט מען חוקר ודורש זיין וואס איז דארט געשריבן, צי דאס איז נגד המלוכה אָדער פאר דער מלוכה, ובהתאם לזה וועט זיין דינו.

וואס אַזוי איז דארט די הנהגה צו יעדערן וואס גייט אַרום בחוץ.

על אַחת כמה וכמה צו אַזא וואס איז געווען כמה שנים אונטער אַ משטר מיחד, אונטער אַ השגחה מיחדת, און געווען די פרוי פון איינעם וואס איז געווען פארשיקט אַהינצו אויף כמה וכמה שנים, וויבאלד אַז מ'האט אויסגעטייטשט זיינע פעולות אין הפצת היהדות אַז דאס מיינט אַנטקעגן דער מלוכה.

ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם האט זי מיטגענומען די אַלע בלעטלעך און די ספרים וכולהו, און דערנאך זיך אַיינגעשטעלט אין סכנה אין דעם המשך הדברים, ביז וואנענט אַז ס'איז דערנאך געקומען בכמה אופנים [וואס אין כאן המקום לספר על דבר זה], ביז ס'איז געקומען אין חוץ-לאָרץ, וואס זי איז נאך פריער



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת האזינו

אַהערצוּ געקוּמען,

און האט געהאט דערנאך אויף דעם המשך זכותה, וואס דאס איז הולך ונמשך אין אַ "פּעולה נמשכת" עד עתּה, אַז בשעת מ׳לערנט אין איינעם פון אָט די ספרים איז "חמרא למרי׳ טבותא לשקיי׳[1]" איז דאס לזכותה אויף אויף עלית הנשמה צו נאך אַ העכערע דרגא ווי זי איז בלאו הכי.

וואס דאס איז גלייך דער "וּהחי ישים אל לבו[2]" אין וואס "ישים אל לבו"?

אַז בשעת מ׳געפינט זיך און מ׳שטייט פאר אַן ענין, וואס ס׳ווייזט זיך אויס בדרך הטבע – און ניט נאר דערפאר וואס ער איז אַ מרה שחורה׳ניק, נאר דערפון ווי ער זעט ווי ס׳האט זיך געפירט נעכטן, מיט אַ יאר פאר דערויף, מיט צוויי יאר פאר דערויף און מיט אַ דור לפני זה:

אין יענעם מעמד וּמצב ווי מ׳האט זיך געפונען איז ניט געווען קיין אויסזיכט – בדרך הטבע – אַז מ׳וועט קענען אַרויספירן די כתבים מעבר לגבול המדינה, מיט אַלע תּוצאות שלאַחרי זה, אַז מ׳וועט דאס דרוקן און מ׳וועט לערנען אין זיי וכוּלהוּ.

ס׳איז ניט געווען קיין אויסזיכט אַז מ׳וועט אַרויסלאזן בכלל אַ אידן פון דארטן, על אַחת כמה וכמה אַ אידן וואס איז געווען פארשיקט, אָדער אַ אידישע פרוי וואס איז געווען פארשיקט און געשטאנען תחת השגחה אויף לאַחרי זה אַלס אַ חשודה באותו ענין.

וּבפרט נאך, אַז זי האט נאך געהאט אָט דעם שם המשפחה, וואס דאס אַליין איז שוין געווען אַ "סערטיפיקעט", אַ תּעודה, אַז ער איז מתאים – וויבאלד אַז דאס איז זיין שם משפחה – ער זאל "זיצן" באותו בית! ניט אַרומגיין לחפשי בהמדינה, על אַחת כמה וכמה – ניט דערנאך קענען אַרויספארן מחוץ למדינה.

וואס אמת טאקע מ׳האט געדארפט משנה שם זיין און באקומען פאספארטן וכוּלהוּ, וויסנדיק אָבער דעם תּכלית הדיוק וההחפּוש ווי ס׳איז אין יענער מדינה, איז דאס וואס ס׳האט געהאלפן דער שנוי שם און שנוי תּעודה וכוּלהוּ – איז דאס דערפאר וואס מ׳האט דערצו ניט געוואלט משים לב זיין, איז דאס געבליבן מערניט ביי די פּקידים התחתּונים – ביי די קלענערע פּקידים – האבן זיי אַרויסגעלאזט, אָבער די וואס האבן אָנגעפירט ווייסן די אַלע ענינים מיט די אַלע קונצן, און דאס וואס מ׳איז אַרויסגעפארן וכוּלהוּ – דערפאר

---

1) מס׳ בבא-קמא, דף צב.
2) קהלת, פרק ז׳ פסוק ב׳.


© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת האזינו

וואס דאס האט זיי ניט געהארט; פארוואס האט זיי ניט געהארט? – דערפאר וואס "לב מלכים ושׂרים ביד השם": אַזוֹי האט געוואלט דער אוֹיבערשטער, וכאָמוּר לעיל "רבּוֹת מחשבוֹת בלב איש ועצת הוי' היא תקום[3]".

מ'דארף דאך אָבער האבן דעם למוּד; דאס איז דאך ניט אַן ענין וואס מ'לערנט מערניט ווי אוֹיף צוּ וויסן ווי אַזוֹי דער אוֹיבערשטער פירט, נאר – וואס דארף אַ אידן אָפּלערנען ווי אַזוֹי ער דארף זיך פירן,

כּאָמוּר לעיל, אַז בּשעת ס'קוּמט צוּ אים אַ מעמד וּמצב אוּן אַ בּנין אוּן אַ בּעי', אַ שאלה, אַן ענין, וואס אים ווייזט זיך אוֹיס בדרך הטבע, אַז אַף-על-פּי וואס דאס איז אַ גוּטע זאך אוּן אַ ריכטיקע זאך אוּן אַ נוֹיטיקע זאך, אוּן דאס איז אַ זאך וואס תּוֹרת אמת – דעם אוֹיבערשטנ'ס תּוֹרה – מאנט פוּן אים, אַז ער זאל טאן אין דעם;

ער גיט אָבער אַ קוּק, אַז פוּפציג יאר נאכאַנאנד, ווי ס'איז געווען אין יענער מדינה בעת ההיא, האט מען ניט מצליח געווען אוֹיף אַרוֹיספירן מחוּץ לגבוּל, וּבפרט נאך אַן עלטערע פּרוֹי מיט כּתבים,

בּשעת פוּפציק יאר – יוֹבל שנים, וואס דאס ווערט אָנגערוּפן אין תּוֹרת אמת בּשם "עוֹלם", אַן אייבּיקייט – האט מען זיך געפּרוּאווט אוּן מ'האט ניט מצליח געווען – אַ חוּץ יחידי סגלה, אוּן דאס אוֹיך, אָן כּתבים וכיוֹצא בּזה –

איז לכאוֹרה, וואס וועט ער אָפּגעבּן פוּן זיין צייט אוּן פוּן זיין טרחא, אָנהוֹיבּן טאן אין אַ זאך, וואס בּדרך הטבע האט מען פוּפציק יאר נאכאנאנד ניט מצליח געווען דוּרכפירן דאס אין מעשׂה בּפוֹעל, אוּן ס'איז דאך "המעשׂה הוּא העקר" – אוּן מיט אַמאל איז מען צוּ אים געקוּמען מיט אָט דער בּקשה, ער זאל דוּרכפירן אָט דעם געזעץ אָדער אָט דעם ענין, וועט ער אָפּלייגן זאכן וואס ער קען דאס לייכט אוֹיספירן, אָדער עכ"פ אוֹיספירן על ידי השתּדלוּת, אוּן פארנעמען זיך מיט אַ זאך וואס פוּפציק יאר נאכאנאנד האט דאס ניט מצליח געווען!

אוּן דער ספּוּר דערציילט אים, אַז בּשעת אַ איד איז מחליט מיט אַן אמת, אוּן שטעלט זיך ניט אָפּ פאר שוועריקייטן, אוּן טוּט אין דער ריכטוּנג ווי תּוֹרה האט אים אָנגעוויזן – איז סוֹף-כּל-סוֹף, נעמט דאס אַ טאג נעמט דאס אַ חדש נעמט דאס אַ יאר נעמט דאס מערער, אָבער סוֹף-כּל-סוֹף איז "דבר אלקנוּ יקוּם[4]", אַז

---

3) משלי, פרק יט פסוק כא.

4) ישעי' פרק מ' פסוק ח'.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת האזינו

ס׳ווערט נתמלא דעם אויבערשטנ׳ס שליחות, וואס ער האט זוכה געווען זיין דער שליח אויף דאס דורכפירן,

און ס׳ווערט נתמלא, ניט נאר פאר אַ יחיד – פאר אים אָדער פאר אַ צווייטן, פאר אַ דריטן – נאר אויך ווי מ׳לערנט אָפּ פון דעם ספּור, אַז דערנאך קומט דאס אַרויס אין אַ תּועלת לרבּים, און קומט אַרויס אין אַ תּועלת אין למוד התּורה, אין קיום מצותיה, אין התעוררות צו עניני תּפלה והתבּוננות אין "דע את אלקי אָביך[5]" וואס דאס בּרענגט צו "ועבדהו בּלבב שלם[5]".

———— • ————

5) דברי הימים א׳, פרק כח, פסוק ט׳.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.